# רבי שמעון בר יוחאי נעמט אונז אויף אין מירון תשפ"ה

**מאמר השקפה**

פר' אחרי - קדושים

ת תשפ"ה לפ"ק

דבר אל אהרן אחיך... ואל יבא בכל עת אל הקודש.

דער משל פון רש"י אנהייב פר' אחרי איז באקאנט, דער חילוק צווישן די צוויי דאקטוירים "זה זירזו יותר מן הראשון", ווייל ווען א דאקטאר רעדט אפענע דיבורים, ער זאגט קלאר "**שלא תמות כדרך שמת פלוני**" הערט מען בעסער, און דער חולה איז דאס מער מקבל, און ער טוט אלע פעולות וואס ער קען כדי ער זאל בלייבן לעבן.

דאס איז דער לימוד פון די ערשטע סדרה, אז מ'דארף רעדן אפן, און אז מ'זעט ווי דער רבש"ע שיקט קלארע מעסעדזשעס, מ'זעט אז '**עולם לא כמנהגו נוהג**' עס פאסירט אויסערארדנטליכע פאסירונגען אויף אונזער וועלט, זאכן גייען אנדערש ווי געווענליך, איז דאס א קלארער באווייז אז דער אויבערשטער רעדט צו אונז, ער זאגט אונז קלאר וואס ער וויל פון אונז, און מיר דארפן האבן שכל דאס צו נעמען ווייטער אויף אונזער סדר היום.

## 'אחרי מות' מיט 'קדושים תהיו' גייען אינאיינעם...

מיר האבן אבער אויך די צווייטע סדרה "קדושים תהיו". די הייליגע ברענענדיגע ווערטער פונעם רמב"ן, "**קדש עצמך במותר לך**".

אה, די וואך איז דאך דא דער אור החיים הקדוש פון "**כמעשה ארץ מצרים לא תעשו**", די פייערדיגע דיבורים וואס שניידן אריין אין יעדע חסיד'ישע נשמה, דער הייליגער מאור ושמש, מ'גליעט אונזערע אברים.

> **אונזערע עלטערן האבן געאטעמט מיט די הייליגע פסוקים פון "קדושים תהיו", מ'האט געהאט אין הארץ און אינעם געפיל אן עקל און א גרויל צו די פינסטערע זוהמא פון די גאס, און מ'איז אנטלאפן דערפון ווייל מ'האט דאס נישט דערהויבן, און היינט וויל מען נאר טרעפן קלארע מראי מקומות אויף יעדע זאך, און אפילו נאכדעם וועט מען זוכן אלערליי תירוצים.**

מיר זענען נישטא אויף דעם עולם צו נהנה זיין פון 'גשם'. ניין, כמעשי ארץ מצרים לא תעשו. מיר זענען נישטא זיך צו וויקן אינעם זוהמא פון ארץ העמים, מיר האבן א מצות עשה פון 'קדושים תהיו', אן ערליכער איד אנטלויפט פון צ"ט שערי היתר כדי נישט נכשל ווערן אין א איסור.

אז מ'לערנט די פרשיות פון די וואך מיט אביסל ערנסטקייט ווערן נעלם הונדערטער שאלות טאג טעגליך.

ווער זאגט אז מ'טאר נישט?! וואו שטייט אין שולחן ערוך איז דאס איז א פראבלעם?! פארוואס דארף איך זיין אנדערש ווי "יעדער?!".

אונזערע עלטערן האבן געאטעמט מיט די הייליגע פסוקים פון "הרחק מן הכיעור", מ'האט געהאט אין הארץ און אינעם געפיל אן עקל און א גרויל צו די פינסטערע זוהמא פון די גאס, און מ'איז אנטלאפן דערפון ווייל מ'האט דאס נישט דערהויבן, און היינט וויל מען נאר טרעפן קלארע מראי מקומות אויף יעדע זאך, און אפילו נאכדעם וועט מען זוכן אלערליי תירוצים.

אויב ווילן מיר זיין הייליגע אידן, אויב ווילן מיר ממשיך זיין ערליכע דורות, דארפן מיר גוט לערנען פרשת "**אחרי קדושים**".

טאקע אנגעהויבן ביי די ערשטע רש"י מיט'ן משל פון רבי אלעזר בן עזרי', און נאכדעם אלע ווייטערדיגע פרשיות וואס לערנען אונז וויאזוי א ערליכער הייליגער איד דארף זיך פירן איף די וועלט.

## אם ה' לא ישמור עיר...

און דא גרייטן מיר זיך צו ל"ג בעומר... רבבות ערליכע אידן האפן צו זיין ביי רבי שמעון, אידן לעכצן שוין צו זיין אין מירון, מ'וויל אנכאפן דעם הייליגן ציון... מ'וויל טאנצן אין די מערה... מ'וויל שפירן די הימלישע רוחניות'דיגע שמחה פון ל"ג בעומר, אן קיין עקסטערע עגמת נפש.

און דא... דער אויבערשטער פירט זיין וועלט, און די תימנ'ער כוטיס שיקן א מיסיל מעבר לים, און עס לאנדעט אריין אינעם לופט-פעלד אן קיין שטער, אנברענגענדיג א איבערקערעניש אין לאנד. צענדליגער פליטס געקענסלט, טויזנטער אידן פון איבעראל טרעפן זיך מיט פארלוירענע טיקעטס און פארשפארטע טויערן.

שוין צענדליגער מיסילס האבן די כוטיס געשאסן, און פונקט דאסמאל, א וואך פאר ל"ג בעומר, האט עס געטראפן אין אזא האקעלן ציל! וויפיל פארטיידיגונג'ס מיטלען די איזראעלי מיליטער האט פרובירט צו נוצן, האט גארנישט געארבעט.

איז עס א צופאל?! אדער איז עס עפעס א קלארער מעסעדזש?!

מיר קוקן אלע ארויס שלא ינוח שבט הרשע על גורל הצדיקים, עס זענען פארט דא אזויפיל אידן וואס מיינען דאס אזוי אמת'דיג, זיי לעכצן מיט'ן גאנצן אמת'דיגקייט זיך צו קענען מקשר זיין צום הייליגן צדיק אין זיין יומא דהילולא. זיי זענען אדוק ומקושר צו די שמחה פון ל"ג בעומר, זיי שעפן חיזוק דערפון א גאנץ יאר, און כלל ישראל האפט אז קיינער פון די רשעים, נישט פונדערווייטנס און נישט פונדערנאנט, זאלן נישט האבן די מעגליכקייט צו שטערן דעם הייליגן תנא'ס גרויסע שמחה.

אבער דא איז דא א 'מעסעדזש'.

א דערמאנונג!

טייערע אידן איר קומט קיין ארץ ישראל, געדענקט "אם ה' לא ישמור עיר שוא שקט שומר!".

גלייבט נישט קיין רגע אין חיילי צה"ל, און נישט אין קיין משטרה! פארלאזט אייך נישט קיין איין מינוט אז די כנופי' בוגדים, כופרים, מפירי ברית ועוקרי דת, זענען די 'שלוחים פון רבי שמעון' אז איר זאלט קענען קומען צום ציון קודש הקדשים.

**טייערע אידן איר קומט קיין ארץ ישראל, געדענקט "אם ה' לא ישמור עיר שוא שקט שומר!".**

**גלייבט נישט קיין רגע אין חיילי צה"ל, און נישט אין קיין משטרה! פארלאזט אייך נישט קיין איין מינוט אז די כנופי' בוגדים, כופרים, מפירי ברית ועוקרי דת, זענען די 'שלוחים פון רבי שמעון' אז איר זאלט קענען קומען צום ציון קודש הקדשים.**

אפילו ווען איר ווערט הערן אז מאנכע מיט געשטרייפטע קאפטענעס האבן זיך פארקויפט די נשמה פאר'ן שטן, אזעלכע 'אזוי-גערופענע קנאים', וואס בעד בצע כסף כבוד ושררה זענען געווארן א טייל פון די קנוניא'ס, זיי זענען אויפגענומען געווארן דורך די סטרא אחרא, זיי זענען ממונים פון די כוחות הטומאה, און באקומען פון זיי אן 'אפותיקי' אין די זייט... מיינט דאס אויך נישט אז זיי זענען די פארמיטלער וועמען רבי שמעון האט געשיקט 'פאראהאנדלען'.

ניין, אויב גייט איר צו רבי שמעון דארף איר געדענקען, נאר רבי שמעון... און קיינער איז נישטא אינדערמיט.

## מורא האבן פון פטור ומותר...

לאמיר טאקע אריינגיין אביסעלע טיפער אין די נושא.

מיר האבן אנגעהויבן מיט'ן רמב"ן "**קדושים תהיו, קדש עצמך במותר לך, שלא תהא נבל ברשות התורה**".

כסדר חזר'ן מיר איבער די ווערטער פון די פסוקי הפרשה, רש"י לייגט צו '**פרשה זו בהקהל נאמרה לפי שרוב גופי התורה תלוין בה**'. און דער רמב"ן זאגט גאר אז כדי צו קענען אנקומען צו די דרגה פון '**קדושים**' דארפן מיר האבן די כוחות צו קענען שטעלן גדרים וסייגים, מ'דארף קענען מאכן גרעניצן און זאגן דייטליך '**עד פה תבא**' אפילו ביי זאכן וואס האבן היתרים, ווייל אפילו א איד וואס האלט אז ער פירט זיך על פי תורה, ער גיבט אכטונג צו שטיין ביים 'בארדער-ליין', און טון אלעס וואס מ'מעג, ביז... ווען מ'קומט אן צו אן איסור ממש, אט דער איז נישט אויסגעשלאסן פונעם טיטל 'נבל'.

באמת אויב זאלן מיר קענען מגדיר זיין גלות אמעריקע 2025 אין איין ווארט, וואלט מעגליך געווען דער פאסיגער אויסדרוק דער לשון הרמב"ן.

פונעם לעבאוויטשער ז"ע זאגט מען נאך '**איש אמו ואביו תיראו**', מ'דארף זייער מורא האבן פונעם ('פאטער און מוטער') '**פטור ומותר**', יעדע זאך וואס מ'טרעפט אויס אז עפ"י הלכה איז מען פטור, אדער מ'קען טרעפן א מהלך אז דאס זאל זיין מותר עפ"י הלכה, פון דעם דארף מען ציטערן, תיראו!

ווען מיר זאלן וועלן אביסל דורכגיין אונזער גאנצער לעבנס שטייגער איבער'ן יאר, וויפיל פון די סארט '**פאטערס** און **מוטערס**' עס דרייען זיך ארום אונז, וואלט מעגליך נישט געווען אזוי אנגענעם, עס וואלט אוועק געגומען דעם געפיל וואס געוויסע היינטיגע דרשנים גלייכן צו מארקעטן אז היינט איז 'איכשר דרא', מיר שטייען בעסער ווי אמאל, והא ראי' דער עולם התורה, און נאך מערערע ראיות פון חיצוניות, וואס ריר'ט ניטאמאל צו בשיפולי דגלימא פון דאס אמאליגע פנימיות, און אינערליכער יראת ה'.

אפילו ווען מיר זאלן נאר רעדן פון די סאמע שופרא דשופרא, איז כהיום אויך דא אזויפיל ענינים וואס איז אנגענומען ווי א היתר און א דבר פשוט, ניטאמאל פאלט ביי אז עס איז דא א שאלה וואס איז כדאי צו פרעגן דערויף א דעת תורה, וואס אונזערע עלטערן מיט א דור פריער האבן נאך יא געוואוסט אז אויב די שאלה איז עומד על הפרק גייט מען פרעגן א רב, א דיין.

שטייענדיג אין די טעג פאר ל"ג בעו מר, ווען רבבות אידן פארן קיין מירון, רבי שמעון לכל, כדאי הוא רבי שמעון לסמוך עליו. איז די צייט ארויפצוברענגען אויפן טיש א חקירה: **איז רבי שמעון 'א' היתר, אדער איז רבי שמעון 'דער' היתר?**

אין קורצע ווערטער איז די כוונה פון די חקירה, סתם אזוי פארט דאך אן ערליכער איד נישט קיין ארץ ישראל, מ'האט נישט וואס צו זוכן אינעם שטח פון די צייטווייליגע מלכות המינות, און א שאד אז אן ערליכער איד זאל זיך אריינלייגן אין אומזיסטע נסיונות, וואס קען אמאל באריררן די יסודות האמונה.

איז די שאלה, צי אויב וויל מען א ישועה, אדער מ'שפירט א התעוררות און א משיכה צום ציון הקדוש פונעם תנא האלקי, און נפשו אוותה צו קומען ביומא דהילולא קדישא לשפוך שיח, זיך אויסוויינען און אויסטאנצן, איז דאס 'א' היתר צו פארן קיין ארץ ישראל?! אדער ביי אנדערע איז דאס 'דער' היתר.

עס איז א דבר פשוט אז מיט'ן תירוץ אז מ'פארט קיין ארץ ישראל ווייל מ'פארט דאך צו רבי שמעון, איז דא ווער עס נוצט עס אויס פאר גאר אנדערע זאכן. אונטער'ן מאנטל פון רבי שמעון מעג מען שוין, אגב, ואגב דאגב, טון ככל העולה על רוחם, און גיין לתור את הארץ לארכה ולרחבה. עובר זיין על קלות ועל חמורות אין די סאמע האקלסטע ענינים פון די אמונה. און דער 'כדאי הוא רבי שמעון לסמוך עליו בשעת הדחק', און דער '**אפילו לפחותים**', מיינט ביי די יעניגע אז זיי זענען 'זוכה' צום טיטל '**פחותים**' בזכותו פון **רבי שמעון**.

## וואס זאגט רבי שמעון הלכה למעשה?!

אין די יעצטיגע טעג ווען טויזנטער אידן האבן שוין מסודר זייערע טיקעטס קיין מירון, זיי לאזן זיך ארויס אין די נאנטע טעג קיין ארה"ק, ווער אויף עטליכע שעה, און ווער אויף עטליכע טעג, און אנדערע אויף עטליכע וואכן... ווען די לעצטע האבן שוין פון חנוכה געסקעדזשולט זייערע טיקעטס אין די האטעלן אין דעם סעזאן, כדי זייער שוואויל-טאג על אדמת ארצינו הקדושה זאל זיין 'בזכות רבי שמעון' - איז דער זמן ארויסצוזאגן זייער אפן און קלאר, אן קיין בושה.

"אונזערע טאטעס און זיידעס האבן נאך געפרעגט א שאלה פון א רב אדער א רבי'ן איידער מ'איז געפארן קיין ארץ ישראל, עס איז נישט געווען אזוי פשוט".

אויב האט מען באקומען א היתר צו פארן צו די מדינה איז געווען אן עקסטערע נושא "וויאזוי מ'פארט", "ווי לאנג מ'פארט", "וואו גייט מען זיך דרייען במשך דעם זמן און וואס מ'געפינט זיך דארט", און עס האט געציטערט אין הארצן מיט א פחד נורא "**וואס טוט מען מיט'ן פסוק פון "ולא תקיא אתכם בטמאכם אותה"**".

כהיום הזה ראיתי בני עלי' והן מועטים, ווייניג אידן זענען דא וואס ציטערן פון פארן קיין ארץ ישראל. ווייניג אידן ווייסן און אנערקענען, כאטש וואס דאס פארן צו רבי שמעון איז א דבר גדול שאין דוגמתו, איז דאס אבער זייער א האקעלער דורכגאנג, און מ'דארף רחמי שמים מרובים אז מ'זאל דאס דורכלעבן ערליך און אפגעהיטן הייליג.

עס איז דא אן אמעריקאנער סלאגאן **"רבי שמעון שיקט אן אינוויטעישאן פאר זיינע געסט"**... ועל סמך זה טוט מען וואס מ'וויל.

מער ווייניגער 'מחנה מגושמים' איז אויף די ליסטע.

בפרט אין די יעצטיגע תקופה, עס איז פולווער אין די לופטן, עס איז א מצב מלחמה, און מ'טאר נישט פארן מיט קיין מחשבה **'סמוך לבו בטוח בצבא הגנה לישראל'**. דאס איז מינות!

ווי כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א טוט כסדר באטאנען. ווער עס קומט צו רבי שמעון מיט נאך אנדערע כוונות, זאגט דער הייליגער תנא **"וכי תבואו לראות פני מי ביקש זאת מידכם רמות חצרי"**.

רבי שמעון דארף נישט אין זיין חצר אזעלכע אידן וואס ווען אנפולן רעסטוראנטן און האטעלן אין ירושלים, גליל, תל-אביב ביז אילת, אויפ'ן 'קרעדיט קארטל' פון רבי שמעון... ניין, ער באצאלט דאס נישט!

מיר באטאנען, חס ושלום, מיר זענען נישט אויסן מיט אונזערע ווערטער צו מונע זיין אפילו איין איד וואס וויל פארן קיין מירון צום ציון הרשב"י מיט א ריינע כוונה. ווער ווייסט דען נישט וואס אלע צדיקים, אלע ספרים, זאגן אויף די מדריגה און קדושה פון מירון, וואס איז נאך דא העכערס, גרעסערס, און בעסערס, פון די התקשרות און דבקות וואס היינטיגע פשוט'ע אידן שפירן זיך מקשר צו צדיקי עליון שרפי מעלה, דער תנא אלקי רשב"י?!

אבער, מיר ווילן בלויז, אויפברענגען די נקודה אז עס איז א ענין וואס פאדערט א שאלת חכם, מ'דארף פרעגן, עס איז דא וואס צו פרעגן, און ווען די החלטה איז יא קומט א זמן למחשבה, 'וויאזוי פאר איך קיין מירון?!'.

עס דערמאנט זיך א מעשה, דער נאסאדער רב ז"ל האט געהאט א ברודער הרה"ח ר' יצחק פריינד ע"ה, ווען ער איז עלטער געווארן האט ער געהאט גרויס חשק צו פארן קיין ארץ ישראל און זיך דארט אויסלעבן די יארן, אבער זיין רביצין האט נישט מסכים געווען דערצו, זי האט גע'טענה'ט אז זיי האבן נישט דארט קיין קינדער וואס זאלן זיי דארט קענען באדינען, און זיי זענען שוין עלטערע מענטשן, און זי קען זיך דאס נישט ערלויבן.

זענען זיי געגאנגען פארלייגן זייערע טענות פאר'ן נאסאדער רב, האט דער נאסאדער רב נאכגעזאגט וואס דער שינאווער רב ז"ל האט געהאלטן איבער דאס ענין פון פארן קיין ארץ ישראל, וואס ער האט געזאגט "וואס טוען די יונגע דארט, און וואס טוען די אלטע דא?!", די יונגע מענטשן וואס האבן א גרויסן יצר הרע זיי טארן נישט פארן קיין ארץ ישראל ווייל זיי טוען דארט עבירות, און צו טון עבירות אין ארץ ישראל איז אסאך ארגער פון צו טון עבירות אין חוץ לארץ, די עלטערע מענטשן וואס ווילן זיך אויסלעבן די יארן בקדושה ובטהרה, פארוואס זאלן זיי נישט פארן קיין ארץ ישראל?

## וללו"י אמר תומיך ואוריך..

עס איז געווען אין די לעצטע יארן פון הגאון האדיר בעל **שבט הלוי** זצ"ל, פר' אמור בשנת תשע"ג לפ"ק - ביי זיין שיעור קבוע בהלכה יעדן ליל שישי - האט ער באמערקט אז עס זענען אנוועזנד א ציבור געסט פון חו"ל וואס זענען געקומען צו פארן אויף ל"ג בעומר קיין מירון, האט ער נאכ'ן שיעור געזאגט בזה"ל:

**"עס איז ידוע אז דער אריה"ק איז נאר געווען איינמאל אין מירון".**

**"עס איז באקאנט אז דער חת"ס שרייבט אין א תשובה זייער שארף קעגן דעם וואס מ'קומט קיין מירון און מ'פארברענט דארט טייערע בגדים".**

**"אין די ישיבה, חכמי לובלין, איז געווען רבי שמעון'לע זשעליכאווער – ער האט געהאט א מח וואס קומט אראפ איינמאל אין הונדערט יאר – ער איז געווען אויך א מקובל, ער האט ל"ג בעומר צוזאמען גענומען אלע בחורים, און ער האט זיי געזאגט אלע מימרות פון רשב"י פון מס' ברכות ביז סוף ש"ס".**

**"אידן גייען אויף מירון, נו גוט – אבער לעצטנס איז דא מוזיק מיט משקאות – דאס נעמט אוועק דאס גאנצע ענין פון 'לשמה', עס ווערט א 'שלא לשמה', אויבעט, עס קומען דארט מענטשן... עס טוט זיך דארטן....**

**"איך בין דא עטליכע זיבעציג יאר אין ארץ ישראל, כ'בין געגאנגען עטליכע מאל קיין מירון, אבער נישט ל"ג בעומר...**

**"דער אויבערשטער זאל מקבל זיין תפילות עמו ישראל".**

> **האט דער נאסאדער רב געזאגט בשם הגה"ק משינאווא:**
>
> **"וואס טוען די יונגע דארט, און וואס טוען די אלטע דא?!", די יונגע מענטשן וואס האבן א גרויסן יצר הרע זיי טארן נישט פארן קיין ארץ ישראל ווייל זיי טוען דארט עבירות, און צו טון עבירות אין ארץ ישראל איז אסאך ארגער פון צו טון עבירות אין חוץ לארץ.**
>
> **די עלטערע מענטשן וואס ווילן זיך אויסלעבן די יארן בקדושה ובטהרה, פארוואס זאלן זיי נישט פארן קיין ארץ ישראל?"**

אט דאס זענען הייליגע ווערטער פון אן ארץ ישראל איד, און א פוסק הדור, וואס כלל ישראל איז סרים למשמעתו בפסק הלכה, דאס מעג מעורר זיין א ספק אין מח איבער דאס גאנצע ענין פון דאס פייער און ברען צו גיין קיין מירון מיטן היינטיגן פעקל נסיונות.

ולהרחבת הדברים קען מען אפשר צולייגן וואס נכדו **כ"ק אדמו"ר מקאסוב** זללה"ה האט דערציילט אז ער האט געפרעגט דעם זיידן פארוואס ער פארט קיינמאל נישט אויף מקומות הקדושים, האט ער געענטפערט **"ווער קען נעמען אחריות אויף שמירת עינים?!... איין מכשול וואס מ'זעט מיט די אויגן, זיבעציג יאר שפעטער קען דאס קומען ביי נעילה אין יום הקדוש".**

**די ווערטער האט ער געזאגט ווען ער איז שוין געווען איבער די ניינציג יאר!... און דאס האט איבערגעוואויגן מירון, און דאס האט איבערגעוואויגן אלע קברי צדיקים... איין עירפארט!**

**טייערע אידן! די וואך איז געווען א מיסיל אין עירפארט, און מ'האט געקענסלט צענדליגער פלייטס... מיר ווייסן אלע אז יעדע עירפארט האט מיסילס... אפשר קען מען דאס קענסלען מדעת עצמינו?!...**

**אפשר איז דאס דער רצון פון רבי שמעון?!**

עס איז באקאנט אז עס איז געווען א תלמיד פונעם שבט הלוי ז"ל אן עושר פון אמעריקע וואס האט זיך גערישט צו קומען תפילין לייגן מיט זיין בר מצוה בחור ביי זיין רבי'ן.

ווען ער האט גערעדט מיט זיין רבי'ן איבער דעם א קורצע צייט בעפאר די בר מצוה, האט אים דער שבט הלוי געבעטן אז ער זאל נישט קומען. האט דער תלמיד געזאגט אז ער האט שוין געקויפט די טיקעטס און באצאלט דאס געלט.

האט אים דער שבט הלוי געזאגט "נעם די טיקעטס, און לייג דאס אריין אין א ראם (פרעים) און זאלסט דאס אויפהעלטן אין שטוב, אז דער בר מצוה בחור זאל אלעמאל געדענקען אז דו האסט מוותר געווען אויף אזויפיל געלט, כאטשיג עס איז כדאי אז א רבי זאל לייגן דאס ערשטע מאל תפילין פאר א בר מצוה בחור, אבער ס'איז חשוב'ער ער זאל זעהן אז מען האט מוותר געווען אויף אזויפיל געלט וועגן שמירת עינים".

אט די אלע שאלות וספיקות דארף געלייגט ווערן אויפ'ן טיש איידער מ'מאכט אן החלטה, און נאך די החלטה דארף מען איבערקלערן וויאזוי מ'רעכנט אויס אז מ'זאל קענען בייקומען די אלע פראבלעמען און נישט נכשל ווערן.

## רבי שמעון העלפט אויך מריחוק מקום

אבער, חובה עלינו לספר, מ'דארף דערציילן, עס דרייען זיך לעצטנס מעשיות ווי אידן זענען געהאלפן געווארן בזכות רבי שמעון אויף פונדערוווייטנס, און דייקא ווען זיי האבן געבעטן בזכות פונעם נישט פארן קיין מירון.

מיר האבן געהערט פון א היימישער יונגערמאן וואס ער האט ל"ע נישט געהאט קיין קינדער, און כאטש זייער אסאך אידן וואס זענען זקוק לישועה פארן קיין מירון צום קבר פונעם **תנא האלקי רבן שמעון בר יוחאי** און זיי בעטן זיך דארט אויס פאר זש"ק, האט ער אבער נישט געוואלט פארן קיין ארץ ישראל, וויסנדיג אז עס איז נישט געווען דער רצון פון מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע, צוליב דעם וואס ווען מ'פארט קיין ארץ ישראל איז זייער לייכט נכשל צו ווערן אין מחשבות פון מינות ר"ל, און בעצם, יעדע עבירה וואס מ'טוט אין ארץ ישראל איז פיל הארבער ווי אין חו"ל.

**"אין די ישיבה, חכמי לובלין, איז געווען רבי שמעונ'לע זשעליכאווער - ער האט געהאט א מח וואס קומט אראפ איינמאל אין הונדערט יאר - ער איז געווען אויך א מקובל, ער האט ל"ג בעומר צוזאמען גענומען אלע בחורים, און ער האט זיי געזאגט אלע מימרות פון רשב"י פון מס' ברכות ביז סוף ש"ס".**

**"אידן גייען אויף מירון, נו גוט - אבער לעצטנס איז דא מוזיק מיט משקאות - דאס נעמט אוועק דאס גאנצע ענין פון 'לשמה', עס ווערט א 'שלא לשמה', אויכעט, עס קומען דארט מענטשן... עס טוט זיך דארטן....**

**"איך בין דא עטליכע זיבעציג יאר אין ארץ ישראל, כ'בין געגאנגען עטליכע מאל קיין מירון, אבער נישט ל"ג בעומר...**

איז ער ארויפגעגאנגען ל"ג בעומר צום ציון הק' אין קרית יואל און זיך אויסגעוויינטביים רבי'נס ציון זאגנדיג אז ער האט נישט קיין קינדער, און ער האלט זיך צוריק פון צו פארן קיין ארץ ישראל נאר צוליב זיין התקשרות צום רבי'נס דעת תורה, בעט ער אז בזכות זה זאל אים דער רבי בייַשטיין אז ער זאל געהאלפן ווערן מיט א ישועה. וכך הוה, דער איד האט געזען א ישועה, און ביז א יאר איז ער געווען א גליקליכער טאטע!

און דאס דארף ווערן אויסגעשמועסט אין א בחינה פון 'זכרהו מאחר שבא להשכיחו', א נושא וואס איז אמאל געווען א דבר פשוט ביי יעדן סאטמארער חסיד, און היינט קוקט דאס אויס עפעס איבערגעטריבן.

כידוע איז נישט געווען ניחא דעתי' דרבי פון די וואס פארן קיין ארץ ישראל, און ווען אנ"ש פלעגן זיך קומען מחייע זיין איבער פארן קיין ארץ ישראל פלעגט דער רבי דאס אינגאנצן אפרעדן, אדער זאגן אז מ'זאל דארט זיין ווי וויינעגער צייט.

עס מעג צוגעלייגט ווערן, פשוט למען ידעו ווי ווייט ערליכע אידן האבן ממאס געווען דאס פארן קיין ארץ ישראל אונטער די ממשלת המינים, אז נאך די קריג האט הגה"ק משאפראן זצ"ל זיך גע'ישוב'ט וואו ער זאל זיך באזעצן, צי אין אמעריקע אדער אין ארץ ישראל, אינצווישן איז אנגעקומען דער יום המר והנמהר ה' אייר תש"ח ווען די מדינה הציונית איז צושטאנד געקומען, און דאן האט ער ענדגילטיג באשטימט אז ער האט בשום אופן נישט וואס צו פארן וואוינען קיין ארץ ישראל, ווייל מען טאר נישט וואוינען אין ארץ ישראל ווען עס עקזיסטירט דארט א מלכות הרשעה.

מאותו היום והלאה האט דער שאפראנער רב נישט באזוכט אין ארץ ישראל!

טראצדעם וואס ער האט געהאט אן עלטערע שוועסטער וואס האט דארט געוואוינט, און זי האט אים געשריבן בריוו און געבעטן אז ער זאל קומען איר באזוכן, און ער האט געהאט חשק זיך צו טרעפן מיט איר נאך אזויפיל יארן וואס זיי האבן זיך נישט געהאט געזען, האט דאס אבער נישט משנה געווען זיין פרינציפ, אז ער באזוכט נישט אין ארץ ישראל. נאר ער האט אפגעשמועסט זיך צו באגעגענען מיט איר אין א מדינה אונטערוועגנס נישט ווילנדיג באטרעטן דעם באדן פון ארץ ישראל!

נאכמער פון דעם, דער שאפראנער רב האט אלע יארן געהאט אין ארץ ישראל א צאל ידידים און תלמידים וואס זענען געווען צוגעבינדן צו אים בלב ובנפש. זיי האבן זיך מיט אים שטענדיג געשריבן בריוו, און זיך געהאלטן אלס זיין חבורה, ווי עס איז צו זען פון די פילע געדרוקטע בריוו אין ספר "תורת אלף". טראצדעם האט ער זיי קיינמאל נישט באזוכט פערזענליך, און טייל פון זיי האט ער אפילו נישט געקענט פערזענליך, וויבאלד ער האט בשום אופן נישט געוואלט פארן קיין ארץ ישראל. ועי' בס' תורת א' (מכתבים ח"ד) וואו דער שאפראנער רב שרייבט קלאר אז ער וויל נישט פארן קיין ארץ ישראל ווייל ער האט מורא אז ער וועט נהנה זיין ממעשי הרשעים.

דער עיקר איז וואס קומט ארויס פון דעם אלעם, אז דאס גיין קיין ארץ ישראל איז עפעס וואס גייט אריין בגדר שאלה, עס איז דא וואס צו טראכטן און צו פרעגן א דעת תורה, און אז מ'פארט יא, דארף מען פארן ווי אן ערליכער איד און זיכער מאכט אז מ'פאלט נישט דורך מיט אן עבירה ח"ו על אדמת ארה"ק.

מאכט זיכער אז רבי שמעון זאל זיך פרייען מיט אונז ווען מיר קומען צו אים, און נישט חלילה דאס פארקערטע.